# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

ויגש
שנה ב'




כל הזכויות שמורות

## די כח פון זעהן

### חלק א: זעהן דיינע קינדער

**ווען** יעקב אבינו האט באקומען א גרוס פון מצרים אז עוד יוסף חי איז ער געווארן איבערגענומען מיט געפילן - ער איז ממש ארויס פון די גלייזן פאר שמחה! "מיין זון לעבט!" האט ער אויסגערופן מיט התרגשות, "נאך די לאנגע יארן וואס איך האב אים נישט געזען און געמיינט אז ער איז נישט בין החיים זאגט מען מיר יעצט אז ער לעבט!"

וואס האט יעקב געזאגט ווען ער האט געהערט די גוטע בשורה? צי האט ער געזאגט: "ברוך השם, איך דאנק דיר השי"ת פון דער טיפעניש פון מיין הארץ" אדער אפשר האט ער געזונגען צו השי"ת, "הודו לה' כי טוב! איך בין אזוי פרייליך, אזוי דאנקבאר צו דיר"? איך בין זיכער אז ער האט דאס געזאגט אבער ער איז נישט געווען צופרידן נאר פון דעם. די איינציגסטע זאך וואס די תורה דערציילט אונז איז אז יעקב האט געזאגט: "אלכה ואראנו בטרם אמות - איך וועל גיין און איך וועל אים זען איידער איך שטארב" (בראשית מה, כח), "איך וויל זען זיין פנים", האט יעקב געזאגט.

קען זיין אז עס באדערט דיר נישט אבער איך מיין אז ס'איז דא א שאלה: וואס איז געווען אזוי וויכטיג צו גיין זען יוסף? יעקב אבינו האט געהאט וויכטיגערס צו ערלעדיגן אויף דער וועלט. ער האט געהאט שלימות אריינצוכאפן, דביקות, אהבת השם, יראת שמים, דאס לעבן איז צו קורץ צו פארשווענדן אויף נסיעות צו זען מענטשן! ער האט געדארפט גיין זען יוסף?! מיר האבן זייער ליב אונזערע קינדער, מיר ווילן זיי זען אבער א צדיק וואס ווייסט אז ער איז דא אויף דער וועלט פאר א תכלית דארף זיך אויפהייבן צו גיין זען זיין זון?

יעקב דארף אראפגיין קיין מצרים שוין יעצט? ער האט אויפגעגעבן ארץ־כנען, דאס לאנד וואו זיינע אור־עלטערן האבן געלעבט, דאס לאנד וואס איז אים געגעבן געווארן און געגאנגען קיין מצרים, א לאנד פון טומאה? ס'איז נישט געווען ווי היינט וואס מען כאפט זיך ארויף אויף א באן, מען זיצט אפאר שעה און מען איז שוין דארט! ס'איז געווען א לאנגע מאטערנדע רייזע. ער וואלט וועלן געדארפט זאגן: "איך בין אזוי פרייליך אז ער לעבט! או הא! געוואלדיגע נייעס! ברוך השם ער לעבט! כ'וועל אים שרייבן א בריוו".

#### א באזוכער ביים גר"א ז"ל

**דער** גר"א האט געהאט א שוועסטער וועמען ער האט נישט געזען פאר דרייצן יאר, און זי איז געקומען באזוכן איר גרויסן ברודער. "אה, מיין ברודער, כ'האב דיך שוין אזוי לאנג נישט געזען!" האט זי אויסגערופן מיט התרגשות. דער גר"א האט איר באגריסט ווארעם און גערעדט צו איר אפאר ווערטער, דערנאך האט ער זיך פארענטפערט אז ער דארף שוין צוריקגיין צו זיין לערנען. און ער איז צוריק צו זיינע ספרים.

אין זיין שוועסטער'ס אויגן האבן זיך באוויזן טרערן.

"זארג נישט, מיין שוועסטער", האט ער איר בארואיגט. "אויף יענער וועלט וועלן מיר האבן גענוג צייט צו פארברענגען".

די מעשה קען מען נישט דערציילן פאר יעדן, דאס איז נאר פאר גרויסע מענטשן וואס ווייסן אז זיי זענען דא פאר א תכלית און אלע זייערע מעשים דארפן זיין געוואויגן און געמאסטן. די מעשה איז פאר'ן גר"א, דו האסט אנדערע השגות, דו פארשטייסט גענוג צייט מיט אנדערע זאכן, ווען דיין שוועסטער וועמען דו האסט שוין נישט געזען פאר צען יאר קומט צו דיר, מעגסטו רעדן אביסל צו איר... אבער פון גרויסע לייט ווי יעקב אבינו און דער ווילנער גאון מיט הויכע מדריגות ערווארטן מיר נישט אז זיי זאלן רייזן צו אן אנדער לאנד נאר זיך צו באגעגענען מיט קרובים.

דעריבער פארשטייען מיר אז ס'איז נישט געווען פאר נייגעריגקייט וואס יעקב האט געוואלט גיין זען יוסף - "שוין אריבער אזויפיל יארן, איך וויל גיין זען ווי אזוי יוסף זעט אויס". יעקב איז געווען א מענטש וואס האט געהאט דעם פולן קאנטראל איבער זיינע געפילן און געדאנקען. אויב ער האט רעאגירט צו דער נאטירליכער נייגעריגקייט און רצון צו זען זיין זון יוסף דעמאלטס מוז זיין אז ס'איז דא עפעס טיפערס דערין. און יעקב האט נישט סתם רעאגירט דערצו נאר ער האט געמאכט א גרויסן מצב ארום דעם. "איך מוז שוין גיין זען יוסף איידער איך שטארב", האט ער זיך געבעטן. און ווען ער האט אים געזען האט ער אויסגערופן: "אה, ראה פניך לא פללתי - צו זען דיין פנים האב איך זיך נישט גערישט" (בראשית מח, יא).

עפעס אויסערגעוועגליך ווי דאס דארף אן הסבר.

## אינו דומה שמיעה לראיה

**דער** ענטפער איז אז יעקב אבינו האט פארשטאנען דעם געוואלדיגן כח פון זען זאכן אויף דער וועלט. ער האט געוואוסט אז די אומצאליגע געפילן ביים זען זיין באליבטן זון וועלן אויפוועקן ביי אים א געוואלדיגע רעאקציע פון שמחה און דאנקבארקייט צו השי"ת. אוודאי וועט ער זיין דאנקבאר צו השי"ת סיי ווי, אבער יעקב האט געוואלט מער פון דעם, ער האט אייביג געוואלט דערגרייכן העכערע מדריגות פון אנערקענען אינעם אויבערשטן און ער האט געוואוסט אז מ'קען גאר נישט מדמה זיין דעם עפעקט וואס ער וועט האבן ווען ער וועט פאקטיש זען זיין זון. די טיפע הכרת הטוב און ליבשאפט צו השי"ת וועט זיך אריבערגיסן פון די טיפענישן פון זיין נשמה וואס איז נישטא זיינס גלייכן.

דו זאלסט נישט גרינגשעצן וואס דו הערסט דא. זיצנדיג ביי דיין שבת־טיש קוקסטו זיך ארום אויף די פנימ'ער פון דיינע קינדער, איינער איז פארנומען צו רעדן, א צווייטער עסט, נישט קיין חילוק וואס זיי טוען זאלסטו געדענקען וואס מיר האבן דא געלערנט. דו קוקסט אויף דיין קינד'ס פנים און דו טראכסט: "אהא, וואספארא הערליכע פנים דאס איז! אזא וואונדערליכע איבערלעבונג האט מיר דער אויבערשטער דא געשאנקען, איך האב ליב די קינד און דאס דערנעבנדיגע קינד אויך. אזא זיסע פנים, יישר כח אויבערשטער פאר דער געוואלדיגער מתנה!"

דו האסט ליב יעדן איינעם פון זיי מיט אן אויסערגעוועגליכע אהבה און דאס זאלסטו איבערטייטשן אויפצואוועקן דיין ליבשאפט צו הקדוש ברוך הוא, מער און מער.

ס'איז דא א געוואלדיגע שמחה צו זען די אייגענע קינדער. אפילו דיין קינד איז נישט דער "גדול הדור". ער גייט בדרך הישר, ער איז א שומר תורה ומצוות איז עס א געוואלדיגע שמחה צו זען זיין פנים. אויב דער אויבערשטער געט אייך גוטע, פרומע קינדער זאלסטו זיין זייער פריילך און הנאה האבן פון זיי. דאנק דעם אויבערשטן יעדעס מאל וואס דו זעסט זיי. האב הנאה פון זייער פנים בשעת ווען דו טראכסט: "איך טו דאס נישט בלויז ווייל איך וויל האבן נחת, נאר ווייל איך וויל ליב האבן השי"ת וואס האט מיר געשאנקען די געוואלדיגע זכיה צו זען זייער פנים".

## מעין עולם הבא

**איך** וויל ענק דערציילן איבער א טראגעדיע. איך בין אמאל געווען סנדק ביי א ברית וואו דער רך־הנימול האט ליידער פארלוירן זיין טאטע פאר ער איז געבוירן. איך האב געוויינט מיט ביטערע בכיות בשעת איך האב געהאלטן דאס פיצלס אויף מיינע קניען. יעדער ארום האט געוואונטשן: "מזל טוב! מזל טוב!" און איך האב געוויינט! דער טאטע איז מער נישטא. איך האב אזוי געוויינט אז איך האב געמוזט אויסדרייען מיין פנים, איך האב נישט געוואלט אז עס זאל פאלן טרערן אויפ'ן קינד.

אויב דער טאטע וואלט ווען געקענט זען זיין קינד פאר ער איז אוועק, וויפיל וואלט ער אוועקגעגעבן דערפאר?! איך האב געקענט דעם טאטן. אויב ער וואלט ווען געקענט צוריקקומען צו געבן נאר איין בליק אויף זיין קינד'ס פנים, בין איך זיכער אז ער וואלט אויפגעגעבן א גרויס חלק פון זיין עולם הבא. און נישט נאר פאר נייגעריגקייט אדער פאר א נאטירליכן אינסטינקט נאר ווייל ער וואלט געווארן איבערגענומען מיט א געוואלדיגער ליבשאפט צו השי"ת

איבער אלע גרעניצן. ער וואלט געקענט דערגרייכן צו מדריגות פון הכרת הטוב צו השי"ת און אהבת השם נאר דורך זען זיין קינד'ס פנים.

יעקב אבינו האט פארשטאנען די געוואלדיגע געלעגנהייט צו ליב האבן השי"ת מער ווי דער טאטע. יעקב האט פארשטאנען אז ס'איז דא א ספעציעלע עבודה אויף דער וועלט ווען מ'נוצט די אויגן זיך צו דערמאנען פון השי"ת און ער האט נישט געוואלט פארפאסן די געלעגנהייט. בעצם, נאר צו הערן די נייעס אז יוסף לעבט האט אים שוין צוגעברענגט א געוואלדיגע שמחה און הכרת הטוב צו השי"ת, אבער דאס איז נישט גענוג געווען, ער האט געוואלט אנשפיצן זיינע אויגן צו יוסף און ארייננעמען די מראה: "אה, דאס איז דער פנים פון מיין געליבטן זון יוסף!"

יעקב לערנט אונז דא א וויכטיגער לימוד - די עבודה פון נוצן די אויגן אויפצואוועקן די נשמה. אויב מיר וועלן דאס פארשטיין ריכטיג וועט דאס אונז עפענען א נייעם פענסטער אין עבודת השם.

## חלק ב': זעהן די וועלט

### געטריישאפט איז נישט גענוג

**ס'דא** אסאך פרומע מענטשן וואס זענען זייער געטריי צו השי"ת - אויסערגעווענליך געטריי. זיי פירן א לעבן אנגעפולט מיט תורה ומצוות, זיי האדעווען א משפחה פון עובדי השם - ס'איז הערליך צו זען! זייער אמונה אין השי"ת איז אזוי שטארק אז זיי זענען גרייט פאר מסירת נפש. זיי וועלן זיך ווארפן אין פייער, פאלן אויף א שווערד, זיך לאזן הענגען פאר דער אמונה אינעם איינציגן באשעפער. ס'איז אן עם קדוש - ס'איז נישטא נאך א פאלק ווי עם ישראל!

דא וועל איך ענק זאגן עפעס וואס וועט ענק איבערראשן. השי"ת זאגט אז דאס איז נישט גענוג. יא, ס'איז געטריישאפט, ס'איז אן אויסערגעווענטליכע געטריישאפט וואס וועט באלוינט ווערן. דער איבערשטער וועט זיי באצאלן פאר דעם אן קיין סוף - ס'איז נישט קיין שאלה. אבער מיר אלע האבן א וויכטיגערן תפקיד אויף דער וועלט; וויכטיגער ווי געטריישאפט. מיר זענען דא צו זיין באוואסטזיניג אונעם איינציגן באשעפער, צו שפירן השי"ת. מיר זענען ערווארטעט צו נעמען דעם דעת וואס מיר האבן אז השי"ת איז דער בורא יתברך וואס האט באשאפן די וועלט און ער פירט עס און דאס פארוואנדלען צו געפילן אז ס'איז פאקטיש אזוי, ס'איז עפעס וואס מיר זענען איבערצייגט ווייל מיר האבן דאס געזען און באלעבט.

דאס איז אונזער תפקיד אויף דער וועלט, צו נעמען דעם אמת פון דער עקזיסטענץ פון הקדוש ברוך הוא און דאס מאכן א רעאליטעט. דאס וואס יעקב אבינו האט אונז געלערנט: - "איך דארף אים גיין זען" - איז איינער פון די וויכטיגסטע וועגן צו אנערקענען הקדוש ברוך הוא, דורך נוצן די אויגן אויף דער וועלט.

### די וועלט צו זען

"**והאלקים** עשה שיראו מלפניו - און דער איבערשטער האט געמאכט אז מען זאל מורא האבן פון אים" (קהלת ג, יד). וואס האט ער געמאכט? אלעס! און פארוואס האט ער אלעס געמאכט? אז מיר זאלן אנערקענען אין אים. "יראה" מיינט צו זיין באוואוסטזיניג פון השי"ת. שלמה המלך זאגט אונז דא אז יראת שמים איז איבעראל אין דער וועלט, אבער מיט א תנאי: דו דארפסט נוצן דיינע אויגן דאס צו זען.

ס'איז א גרויסער פארלוסט אז מענטשן שפאנען דורך די וועלט מיט פארמאכטע אויגן. יעדער נאטירליכער אביעקט איז באשאפן געווארן פאר'ן ציל פון יראת שמים. ס'איז נישטא קיין אנדער צוועק פון שמים וארץ אויסער אונז צו געבן די גרויסע מתנה צו וויסן פון השי"ת. נישט אז מיר דארפן געבן אונזער צושטימונג אז השי"ת האט באשאפן די וועלט, דאס ווייסן מיר שוין פון ווען מען האט אנגעהויבן צו לערנען חומש. "בראשית ברא אלוקים" - דו האסט עס תיכף אנגענומען אלס 6-5 יעריג קינד און זינט דעמאלסט האסטו קיינמאל מער נישט געטראכט פון דעם ענין. דו ביסט א מאמין און דו מיינסט אז דו ביסט פארטיג. דאס איז א גרויס רחמנות ווייל בראשית ברא אלקים איז אן ענין וואס מ'דארף לערנען א גאנץ לעבן.

אויב מיר ווילן ערפילן אונזער תפקיד אויף דער וועלט דארפן מיר עפענען די אויגן און די סצענעס וועלן אנהייבן אריינצופאלן אין אונז. ס'איז דא אזויפיל צו זען אז ס'בלייבט נישט איבער א ליידיגער פלאץ אין דער וועלט. "מה רבו

מעשיך ה׳ כולם בחכמה עשית״ - ווי פיל זענען דיינע ווערק, באשעפער, אלעס האסטו געמאכט מיט קלוגשאפט״ (תהילים קד, כד).

## אמונה פשוטה

**דער** וועג צו עררייכן אויפוואכונג איז דורך ״קוקן״! ווען דו נעמסט דיר אראפ צייט צו קוקן אויף זאכן אין דער וועלט וועסטו צוביסלעך אנערקענען אין השי״ת אין צוגאב צו דער אמונה פשוטה, וואס איז אויך זייער וויכטיג. ס׳איז איוסערגעוועגליך גוט צו האבן די אמונה פשוטה וואס מען האט דיר אויסגעלערנט אין דיין יוגנט - אויסגעצייכנט - ס׳איז אויסגעצייכנט. אבער ס׳איז נישט גענוג. יעדער פרומער איד דארף ארויסגיין אויף דער וועלט מיט אפענע אויגן צו באקומען אביסל מער ״אמונה״ ווי ״פשוטה״.

שטעלט אייך פאר אז ווען ס׳איז געקומען צו מתן תורה, און משה רבינו האט אויסגערופען, ״לאמיר זיך פארזאמלען ארום בארג סיני צו זעהן וואו דער איבערשטער קומט אראפ כביכול אונז צו געבען די תורה!״ איז שטעלט אייך פאר א איד זאגט ״עה, ס׳פעלט נישט אויס, איך האב אמונה פשוטה. איר קענט גיין און צוריקקומען מיר פארציילן וואס איז געווען״. קען מען דען אזוי זאגען?! ״אלו קרבנו לפני הר סיני ולא נתן לנו את התורה דיינו״! דאס זעהן יענער הייליגער מעמד אליין האט אויפגעטוהן א געוואלד. אז מ׳קען אליין זעהן פארלאזט מען זיך נישט אויף קיינעם און מ׳גייט אליין קוקן. דערפאר לערנט אונז דער חובת הלבבות אין שער הבחינה אז דער בעסטער וועג צו עבודת השם איז דורך שטודירען די בריאה, זען די וועלט באשאפונג.

זאלסט וויסן אז ס׳איז נישט נאר דער חובת הלבבות וואס זאגט אזוי נאר אויך דער רמב״ם. ער פרעגט (יסודי התורה ב, ב), ״והיאך הוא הדרך לאהבתו וליראתו״ - און וואס איז דער וועג אים ליב צו האבן און מורא צו האבן פון אים? דאס איז א געוואלדיגע שאלה, זייער א וויכטיגע שאלה! ער זאגט ווייטער אז ווען דו קוקסט זיך אום אויף דער וועלט און אויף די וואונדערליכע זאכן וואס דער איבערשטער האט באשאפן ביסטו א מתבונן. א ״מתבונן״ מיינט אז דו זעסט און דו טראכסט איבער אלע וואונדערליכע זאכן וואס דו זעסט, דערנאך וועסטו ״זיכער״ צוקומען צו א געוואלדיגער יראה און ליבשאפט צו השי״ת. דאס זענען די ווערטער פונעם רמב״ם. ער נוצט דאסווארט ״זיכער״. אויב דו גייסט אויף דעם דרך וועסטו ״זיכער״ זען רעזולטאטן. דער רמב״ם האט דאס גאראנטירט...

״אלעס אויף דער וועלט״, זאגט דער רמב״ם האט אין זיך ״חכמה עמוקה שאין לה קץ״ - א טיפע חכמה וואס האט נישט קיין ענדע. יעדער נאטירליכער אביעקט איז פול מיט חכמה פון השי״ת עד אין סוף. און וואס איז דער צוועק דערפון? אז דו זאלסט וויסן פון דער גרויסקייט פון השי״ת. איינמאל דו וועסט אנהייבן צו קוקן דערויף וועסטו טראכטן: ׳ווער קען דען צאמשטעלן אזא וואונדערליכע זאך? נאר דער באשעפער וואס איז ״אין סוף״ קען דאס מאכן׳.

## אויסשפירן די וועלט

**דער** ענין איז אזוי גרויס און ברייט ווי דער גאנצער ערדקוגל; ס׳ענדיגט זיך נישט. מיר וועלן דא ברענגען עטליכע ביישפילן נאר אז איר זאלט פארשטיין וואס מיר רעדן, אבער זאלסט וויסן אז די ביישפילן פארמינערן דעם ענין. ווי איינער זאל זאגן: ״גיב מיר א ביישפיל פונעם אוניווערס״, און דו וועסט אים געבן אביסל אייזקרעם פון גאס זאגנדיג: ״דא האסטו א ביישפיל פונעם אוניווערס״. ס׳איז א סעמפל אבער ס׳גיט א נישטיגן בליק איבער וואס די וועלט איז באמת. אבער שטעל דיך פאר אז איינער האט נאך קיינמאל נישט געזען די וועלט, דעמאלטס לאז אים כאטשיג זען אביסל אייזקרעם - זאל ער כאטש עפעס זען...

## לערנען פון דעם בלעטל

**גייסט** אין גאס אין א שיינעם הערבסט־טאג. דו אטעמסט אריין די ריינע לופט פון הערבסט און דיינע פיס שטופן זיך דורך צווישן די בלעטער, - איז עס נישט ״פאן״? און דו דערמאנסט זיך אז הרב מיללער האט געזאגט אז מען זאל נישט דורכלאזן די געלעגנהייט. דו קוקסט זיך אום אויף די הערליכע קאלירן מיט וועלכע די בלעטער זענען געמאלן און דו טראכסט: ״יעדעס בלעטל וואס פאלט אראפ פון בוים איז א נס, פארוואס איז דאס אראפגעפאלן?״ דו מיינסט אז די בלעטל איז מיד געווארן און איז אראפגעפאלן? ווען א בלעטל פאלט אראפ פון בוים איז עס א נס. צעלן פארעמען זיך ביים עק פונעם שטאם וואו ס׳איז צוגעטשעפעט צום צווייגל און די צעלן טוען די געלונגענע ארבעט פון אפשניידן דעם בלעטל פון צווייג. ווען ס׳פאלט אראפ איז דאס א נס. א נס פון א קאמפליצירטע פינקטליכקייט! איינער האט דאס געמוזט אויסשטעלן! וואס טראכסטו? ווער איז דאס?

אנשטאט אריבערצוגיין די גאס און טראכטן פונעם וועטער אדער נייעס, טוסטו עפעס תכלית אויף דער וועלט - דו טראכסט פונעם בורא יתברך!

שטעל דיך נישט אפ דא! איינמאל דו האסט אנגעהויבן צו זען השי"ת אויף דער וועלט, לאז נישט אפ! האלט דיך אן דערמיט מיט א פעסטקייט! הייב אויף דאס בלעטל און באוואונדער דאס מיט די אויגן. א בלעטל איז א וואונדערליכע, קאמפליצירטע שטיקל מאשינעריי. איך זאג "מאשינעריי" ווייל איין בלעטל איז א גאנצע גאס פון פאבריקן! עס אטעמט אריין קארבאן־דיאקסייד און נאסקייט פון דער לופט, אויך זון־שטראלן. עס נעמט אריין די זון־ליכט און דערנאך נעמט עס צאם די זאכן און ס'קנעט זיי אויס צו פארעמען די אלע מאטריאלן וואס דער בוים דארף האבן.

טראכט דערפון בשעת דו קוקסט אויפ'ן בלעטל. דאס בלעטל מאכט די זאפטיגע מאטריאלן און זי שיקט עס דורך די פיצינקע קאנאלן צום שטאם פונעם בלעטל און פון דארט צום צווייג פון בוים. ס'גייט אריין אינעם שטאם און אזוי ווערט האלץ אוןווארצלן, ס'ווערט נאכאמאל בלעטער און שפעטער בליט עס מיט נעקטאר צו ציען די בינען אז זיי זאלן באמיסטיגן די פלאנצונגען און דערנאך וואקסט פרוכט. דאס איז די ארבעט פון א בלעטל! שטעל דיך נישט אפ, קוק ווייטער מיט דיינע אויגן, דו זעסט אז דאס בלעטל איז זייער דין, ס'איז אויסגעצויגן כדי צו קענען צודעקן דאס מערסטע פלאץ וואס מעגליך. אויב דו וועסט צאמנעמען אלע בלעטער פון א בוים וועט עס צודעקן א גאנצע שטאטישע גאס. שטעל דיך פאר, אן "אטעמען־פלאץ" אין קאנטאקט מיט לופט פון א גאנצער שטאטישער גאס. דאס איז איין בוים! און יעדעס בלעטל טוט די אויסערגעווענליכע ארבעט ארייננצונעמען מאטריאלן פון די ליכט.

דערפאר ווערן געוויסע בלעטער נישט האבן א געהעריגן פארעם - זיי זענען נישט קיילעכיג און גלאטיג, די עק גייט אריין און ארויס. פארוואס איז עס אזוי? ווייל ביים עק פון בלאט זענען דא לעכער וואו ס'אטעמט. אז די עק דרייט זיך אריין און ארויס איז דא מער פלאץ פאר'ן בלעטעל צו אטעמען. ווען דו זעסט א בלעטל מיט שפיציגע עקן ווייסטו אז זיי האבן די אייגנשאפט פאר דער פונקציע.

איינמאל דו הייבסט אן צו שטודירן איין בלעטל וועסטו זען מיט דיינע אייגענע אויגן השי"ת אויף דער וועלט!

## חלק ג: זעהן השי"ת

**וואס** מיר לערנען דא איז אז די וועלט איז געמאכט געווארן צו געזען ווערן. פארוואס דארף מען געשעפטן? פאר שאפינג?! ווער דארף שאפינג? לייג צו דעם קאפ ווי צו נוצן די געשעפטן. ווען דו גייסט אריבער א בעקעריי. קוק אריין אין פענסטער וועסטו זען לעבלעך פון ברויט. גיב נישט א שנעלן בליק און לויף ווייטער. שטעל דיך אפ און טראכט! "איז דאס נישט וואונדערליך, פון וואו קומט דאס ברויט?" "המוציא לחם מן הארץ" - זאג עס ארויס מיט'ן מויל. ס'איז א נס, א ברויט איז א נס! מ'קען נישט מאכן ברויט פון "גארנישט", די כעמיסטן קענען נישט פראדוצירן ברויט. די קאמפאניס קענען נישט מאכן ברויט. "המוציא" - ער איז דער איינציגסטער וואס קען ארויסציען ברויט פון דער ערד.

מיר רעדן נישט צום איבער־חכם וואס איז צו קלוג צו טראכטן די געדאנקען. מיר רעדן דא צו מענטשן וואס ווילן מאכן עפעס תכלית פון זיך...

יארן צוריק פלעג איך ווארטן אויף א באס ביי א געוויסער גאס וואו ס'איז געווען אן איטאליענישע בעקעריי. איך פלעג שטיין און באטראכטן פון פענסטער די פארשידענע ברויטן - צוואנציג אין צאל אין יעדן קאליר און מאס און איך האב זיי שטודירט. ס'איז געווען מערקווידיג, איך האב געקוקט אויף די ברויטן און זיך מתבונן געווען פאר לאנגע מינוטן ביז מיין באס איז אנגעקומען. פארשטייט זיך אז כ'האב עס נישט געקענט עסן אבער ס'איז געווען באלערנד פאר מיר!

### די פרוכט געשעפט

**אויף** דער אנדערער זייט גאס איז דא א פרוכט־געשעפט, אויב דו וועסט נישט נעמען די מי צו נוצן דיינע אויגן וועסטו נאר זען קעסטלעך און קעסטלעך פון פרוכט און גרינס. דאס אלעס. אבער אויב דו וועסט עפענען דיינע אויגן וועסטו זען "אלקים עשה שיראו מלפניו" - השי"ת האט דאס אלעס געמאכט פאר א צוועק! פרוכט - רויט, גאלד, פערפל, גרין, געל... כאפ א בליק דורכ'ן פענסטער פון געשעפט וועסטו זען אן אויפגעשניטענע רויטע מעלאנע מיט רויטע פלייש. ווי אזוי איז דאס געשען? יאג זיך נישט אוועק. באטראכט

דעם מאראנץ מיט זיין שיינעדיגן קאליר. וועסט מיינען אז דו קענסט עס הענגען אויף דיין סכך פון סוכה.

דאס האט דער פראדוצירער געמאכט פאר זיין ביזנעס צו מאלען דעם הערליכן מאראנץ. שטעל דיך פאר אויב ס'וואלט געווען דער קאליר ווי קארטאפל? וואלסטו דאס געגעסן? ס'האט דעם זעלבן טעם אבער ס'וואלט נישט געהאט דעם געשמאק בשעת'ן עסן!

פארוואס איז א מאראנץ הערליך קאלירט אינדרויסן בעת אינעווייניג איז עס בלויז ווייס אנע קאליר? קוק אויפ'ן מאראנצן־בוים וועסטו זען די שיינעדיגע מאראנצן, צווישן די גרינע בלעטער וואס רופן אויס: ”קום נעם מיך אראפ!” פון דא זעט מען אז ס'דא אן אינטעליגענטער באשעפער וואס טוט דיר אנבאטן א מאראנץ און זאגט: ”מיינע מענטשן, נעמסטו א מאראנץ און האטס הנאה”. און פארוואס ווען דער מאראנץ איז נאך געווען גרין האט מען עס נישט געקענט אפשיידן פון בוים, זי האט זיך צוגעהאלטן צום בוים מיט אן עקשנות און ווי נאר זי איז געווארן רייף איז זי פון זיך אליין אראפגעפאלן?

צוריק צו דער שאלעכץ - פארוואס איז די שאלעכץ נישט נאר שיין קאלירט נאר ס'האט א גליטשיגן צודעק? דאס האט דער אויבערשטער אזוי געמאכט אז די קליינע אינזעקטן זאלן זיך נישט קענען האלטן דערויף און מאכן זייער סעודה אויפ'ן מאראנץ.

לערן דיך צו זיין איבערגעוועלטיגט איבער דער פארשטעלונג וואס השי"ת שטעלט דיר פאר וויל דאס איז די סיבה פון דער פארשטעלונג. אלקים עשה, השי"ת האט געמאכט פרוכט אויסשטעלונגען פאר דעם צוועק! ווען דו זעסט א שיינעדיגן מאראנץ איז דאס א לעקציע פון אמונה. איין פרוכט איז גענוג און גענוג צו לערנען יראת שמים וואס וועט אנהאלטן א גאנץ לעבן!

## פרוכט קערעלעך

**לעצטע** וואך האב איך געהאט א שמועס מיט א פרוכט־פארקויפער. איך האב אים געפרעגט: ”ווי אזוי זענען די קערעלעך אריין אין די פרוכט?” ער האט מיך אנגעקוקט ווי איך וואלט אראפגעפאלן פון דער לבנה... ”האסטו אמאל געטראפן א פרוכט מיט א מטבע אינעווייניג?” האב איך אים ווייטער געפרעגט. זאגט ער מיר אז ער איז שוין אין דער ביזנעס פאר דרייסיג יאר און ער האט נאך קיינמאל נישט געהאט אזא אינצידענט... האב איך אים געפרעגט אויב ער וועט אמאל טרעפן א מטבע אין אן עפל וועט ער וויסן אז איינער האט דאס דארט אריינגעלייגט? ”יא זיכער!” האט ער מיר געענטפערט. ”און אז דו טרעפסט א קערל וואס איז טויזנט מאל מער קאמפליצירט ווי א מטבע, ווער האט דאס אריינגעלייגט?”

א קערל האט אין זיך מיליאנען שטיקלעך אינפארמאציע ווי אזוי צו באשאפן א בוים, ס'האט די מאשינעריי ווי אזוי דאס אויסצופירן. אויב דו פלאנצט עס איין אין דער ערד וועט עס פראדוצירן א בוים. פון וואס? פון לופט, וואסער און זון־שטראלן! ס'וועט האבן ווארצלן, א שטאם, צווייגן, אסאך בלעטער און ס'וועט שפראצן פרוכט מיט קערעלעך אינעווייניג.

דער גאנצער פלאן ווי אזוי צו וואקסן איז אינעווייניג אינעם קליינעם קערעלע. ס'איז א גוטע עצה צו האלטן עטליכע קערעלעך אין טאש. איך טו אזוי און פון צייט צו צייט נעם איך זיי ארויס צו באטראכטן. איך קוק אויף דעם נס. ס'איז מיר טייערער ווי סיי וועלכער דיאמאנט וואס דו קענסט טרעפן, ווייל קיין שום דיאמאנט איז אזוי טייער ווי די לעקציע וואס א קערל לערנט אונז, אז די וועלט איז געמאכט געווארן דורך דעם גרויסן ”דיזיינער”!

## די בילדער גאלאריע

**איך** ברענג דא נאר געציילטע ביישפילן ווייל איך קען נישט זיין דא א גאנצע נאכט און איך באקום נישט באצאלט פאר

לייענט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס
”גליונות לשבת קודש”
מיט נאך צענדליגע הערליכע גליונות על פרשת השבוע וסיפורי מעשיות



אווער־טיים... אבער ס'איז דא גענוג זאכן צו אויפפאסן, ווען דו גייסט אין גאס, וואס וועט דיר געבן א געלעגנהייט צו זען די וועלט.

אויב דו וועסט איגנארירן די בילדער ארום דיר איז דאס נישט דער שולד פון הקדוש ברוך הוא. שטעל דיך פאר אז דו גייסט אריין אין א געשעפט וואס פארקויפט הערליכע בילדער (און אויסגעהאלטענע געשעפט מיט ריינע בילדער) און די שפאצירסט דורך די רייען מיט א טאשטיכל אויף די אויגן... ווער איז שולדיג אז דו קענסט נישט באטראכטן און הנאה האבן פון די בילדער? נעם נאר אראפ די שמאטע און עס וועט זיך דיר עפענען א וועלט פון הערליכע בילדער!

די וועלט איז פול מיט בילדער אויף אלע זייטן. מיר האבן לעבעדיגע בילדער וואס יעדעס איינע פון זיי איז גענוג שטארק צו לאזן אויף אונז אן אייביגן רושם, צו מאכן א נייעם מענטש פון אונז.

גלייב מיר, ס'לוינט זיך דעם קאריערע. נעם דאס אן ערנסט ווייל איינמאל ס'גייט אריין אין דער געוואוינהייט האסטו אנגעהויבן א קאריערע פון "נוצן די אויגן", און דאן ביסטו אויפ'ן לייטער צו דערגרייכן מדריגות.

## די ברכה פון "אויגן"

**צו** זען איז איינס פון די גרעסטע מתנות אין לעבן. ס'איז א הנאה צו קענען עפענען די אויגן און זען וואס ס'קומט פאר ארום דיר. כאפ א בליק אריין אינעם אויגן־דאקטער'ס ווארטזאל וועסטו זען דארטן מענטשן זיצן מיט באנדאזשן איבער זייערע אויגן, אנדערע מיט פארשידענע קרענק ווארטנדיג צו ווערן אפערירט. אבער די גרעסטע ברכה פון אויגן איז די געלעגנהייט זיי צו נוצן צו זען מעשי ידיו פון הקדוש ברוך הוא.

דו קענסט זען דעם בלויען הימל, דיינע רויטע עפלעך, דיינע קאלירטע בלעטער, דיינע מאראנצן קערעלעך. דו קענסט זען זיין שניי און זיין רעגן ווי זיי קומען אראפ. אלעס באלאנגט צו אים.

אלעס האט ער באשאפן פאר איין צוועק - "כולו אומר כבוד", די גאנצע בריאה גיט כבוד צו השי"ת. ווי מער מיר וועלן דאס אנערקענען אלץ מער וועלן מיר מצליח זיין אויף דער וועלט. ווען מיר וועלן קומען צו דער קומענדיגער וועלט וועט מען אונז פרעגן: "וואס האסטו געברענגט דא מיט דיר? וויפיל פעקלעך האסטו צאמגעקליבן פון "דארט"? דערפאר זאלסטו אנפילן דיינע פעקלעך אז זאלסט האבן וואס צו וויזן, און דאס בעסטע פעקל פאר עולם הבא איז א מח וואס האט כסדר געטראכט פון השי"ת.

דערפאר וועלן מיר זאגן פאר יעדן: "וועק דיך אויף און עפן דיינע אויגן! ס'איז דא א קאריערע פון גדולה וואס ווארט אויף דיר - א קאריערע פון זען השי"ת!" און ווען דו וועסט אנקומען אויף יענער וועלט וועסטו זיך קענען אויפטון מיט דיין "ביזנעס" וואס דו האסט איינגעהאנדלט אין עולם הזה. מיט אביסל אנשטרענגונג קענסטו דערגרייכן צו גרויסקייט! דו וועסט ווערן איבערראשט וויפיל געלעגנהייטן דו קענסט טרעפן דאס אויסצופירן - די גאנצע בריאה איז אן עדות צו השי"ת.

"יודון השם כל מעשיך, כבוד מלכותך יאמרו" - דיך וועלן לויבן, באשעפער, אלע דיינע ווערק, דער כבוד פון דיין קעניגרייך וועלן זיי פארציילן (תהילים קמה, י-יא).

יעדער לויבט השי"ת אבער כדי דאס צו זען דארף מען נאר עפענען די אויגן!

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

לויט וויפיל געלעגט
אזויפיל קאפיס
קענען מיר מאכן

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571
פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802

# שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

## זאלן מיר שפאלטן הימלען צו ברענגן משיח?

## תשובה:

**יעדן** טאג זאלסטו שפאלטן. "את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח", זאג דאס מיט א שטורעם! זאלסט אויך שטורעמען ביי ברך עלינו. ווען דו קומסט אן צו די ווערטער פון "ותן טל ומטר" זאלסטו שטורמען. שטורעם ביי ותן טל ומטר, נישט סתם יוצא צו זיין. וואס פאר א נס איז ווען עס קומט טל ומטר! דו מיינסט אז ס'איז פשוט אזוי געשען, ס'איז א נס נישט קיין קלענערע נס ווי מן!

**אויב** די מן וואלט נאר געשען איין מאל, הא, וואלט דאס געווען א זאך, נאר ווייל עס איז געשען פאר פערציג יאר זענען מענטשן געווארן צוגעוואוינט דערצו האט עס אויפגעהערט צו זיין א נס. ווען זיי זענען אריינגעקומען אין ארץ כנען און געזען עסן קומט ארויס פון דער ערד, האבן זיי באוואונדערט דעם נס. עסן קומט ארויס פון דער ערד? געב א קוק! דאס איז א נס! עסן קומט ארויס פון דער ערד! זיי האבן געמיינט אז עסן קומט פון די וואלקענעס... באמת איז אלעס א נס נאר די געוואוינהייט מאכט אז דו זאלסט דאס נישט באמערקן. פארדעם דארפן מיר שטורמען די הימלען און בעטן טל ומטר.

**אזוי** אויך דארפן מיר שטורמען פאר יעדע איינציגע זאך. מיר דארפן שטורמען פאר "רופא כל בשר ומפליא לעשות", האסט געטון דיינע מענטשליכע געברויכן, ס'איז א נס אז דו האסט געקענט ארויסגיין. עס געשעט ניסים ווען מען גייט ארויס! ומפליא לעשות - עס איז א וואונדער וואס געשעט ווען מען גייט ארויס, נאר מיר זענען טיף אין א שלאף. אונזערע שכל איז פארשטאפט; מיר זענען פארשיכור'ט פון גשמיות פארדעם טראכטן מיר נישט.

**פארדעם** דארפן מיר שטורמען; דאס מיינט מיר דארפן מאכן א ווידערשטאנד קעגן די גשמיות און זען דעם יד השם, די ניסים פון יעדע זאך אויף דער וועלט. זיכער דארפן מיר שטורמען אויף יעדע זאך.


נדבת השבוע

הפצה נתנדב ע"י
**הרוצה בעילום שמו לרגל הולדת בנו - למזל טוב**

---

חלק מהפצה נתנדב
**לע"נ הגה"צ רבי יואל ב"ר אליעזר זצ"ל אונגאר בעל תשובת הריב"א**
יארצייט י"א טבת - ת.נ.צ.ב.ה.

---

חלק מהפצה נתנדב
**לע"נ מרת יכט ב"ר יושע פליישמאן ע"ה**
יארצייט י"ג טבת ת.נ.צ.ב.ה.

זכות זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים שיחי' להתברך בשפע של ברכה והצלחה ונחת מכל יו"ח וכט"ס אמן